# דער מסוכּנער מזומן: שוין צוריק צו אײַך אין קעשענע
# פֿאָרגעשטעלט אויף דער יוגנטרוף-ייִדיש-וואָך 2003
# רבֿקה-לאה באָגז, שלום בערגער, אַבֿיגיל האָועל,
# מיט הילף פֿון סעלעסט סאַלעד און מיכל-אַבֿרהם ווענטע

אַבֿיגיל:

כאָטש מיר זײַנען הײַיאָר נאָך דרײַ
זײַנען מיר ניט ווי אַ מאָל (אוי ווײַ!)
ווײַל מע קען ניט אַרײַן אין קיין קראָם
און קויפֿן אַ נײַעם מיכל-אַבֿרהם!

שלום:

מיכל-אַבֿרהם איז דאָך אַיעדן באַקאַנט.
ער איז ב שעכטערס רעכטע האַנט.
האַלט אַן אויג אויפֿן גאַנצן לאַנד
און זיצט שוין דאָ גוט אויסגעשפּאַנט . . .

רבֿקה-לאה:

הײַנט ראַפּירן מיר פֿון דאָס נײַ
די אַלע תּורה איז שוין פֿאַרבײַ
מיר מאַכן ניט קיין טומל — מיר זײַנען שוין קיל
מיר מאַכן אַ סאָולפֿול ראַפּער-שפּיל.

אַלע:

[צום ניגון פֿון „זינגען מיר״]
ראַפּירן מיר, ראַפּירן מיר, ראַפּירן מיר
און אַלע גראַמען פֿאַרקלינגען מיר!

ר״ל:

איך הייס רבֿקה-לאה, אמת און וואָר.
איך וויל עפּעס זאָגן, אָט שלאָג איך פֿאָר:

האָט צו מיר גרויס דרך־ארץ
אַניט וועט אויף מײַן זעץ ניט זײַן קיין תּירוץ!

אַבֿיגיל

איך הייס אַבֿיגיל — איר ווייסט ווער איך בין
איך פֿיר אַן אייגן אויטאָ אַהער און אַהין.
איך קוק אויף די בחורים און כ׳לאַד זיי אײַן
כ׳בין אַן אײַדל מײַדל און כ׳פֿיר זיך שײַן!

שלום

מײַנע דאַמען און הערן, אַ האַרציקע גרוס,
כ׳בין דער איבערזעצער פֿון באַרימטן ד״ר סוס!
און מורי ורבותי, אויב איר גיט מיר די רשות,
דערציילן מיר אַ מעשׂה — מיר האָבן די זכות!

ר״ל

מיר וועלן ראַפּירן אין דעם הויז!

אַבֿיגיל

מיר וועלן ראַפּירן מיט אַ מויז!

שלום

חשובֿער עולם, מיר האָפֿן אַז איר לאַכט.
צוזאַמען אין עסזאַל מעגן זיצן נאָר אַכט!

אַלע:

צוריקגעקומען זײַנען מיר
צו ראַפּירן אָן אַ שיִער
מיט אַ בים־באָם טשיקי־באָם טשירי־בירי־ביר
מיט אַ בים־באָם טשיקי־באָם טשירי־בירי־ביר
מיט אַ בים־באָם טשיקי־באָם טשירי־בירי־ביר . . .